6 און נאָכן פאַרבלייבן ביי זיי נישט מער ווי אַכט אָדער
צען טעג, איז ער אַראָפּ קיין קיסריה; צומאָרגנס
האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ריכטער־
שטול, און באַפוילן, מען זאָל ברענגען פּוילוסן.
7 און ווען ער איז געקומען, האָבן זיך די יידן, וועלכע
זענען אַראָפּגעקומען פון ירושלים, געשטעלט אַרום
אים, ברענגענדיק אַ סך און שווערע באַשולדי־
8 קונגען, וואָס זיי האָבן נישט געקענט באַווייזן; בעת
פּוילוס האָט זיך פאַרטיידיקט: נישט קעגן דער
יידישער תורה, נישט קעגן דעם בית המקדש, נישט
9 קעגן קיסר האָב איך עפּעס געזינדיקט. פעסטוס
אָבער, וועלנדיק געפינען חן ביי די יידן, האָט
ענטפערנדיק פּוילוסן געזאָגט: צי ווילסטו אַרויפ־
גיין קיין ירושלים, און דאָרטן פון מיר געמשפּט
10 ווערן וועגן די דאָזיקע זאַכן? האָט פּוילוס געזאָגט:
איך שטיי פאַרן קיסרס טריבונאַל־שטול, וואו איך
דאַרף געמשפּט ווערן; יידן האָב איך נישט געטון
קיין שום עוולה, ווי אַפילו דו ווייסט עס גאַנץ גוט:
11 און אויב איך בין דאָך באַגאַנגען אַ פאַרברעך, און
האָב געטון עפּעס, פאַר וועלכן איך בין חייב מיתה,
נעגירן איך מיך נישט צו שטאַרבן; אויב אָבער
קיין זאַך איז נישט (אמת), פון וועלכע זיי באַשול־
דיקן מיך, קען מיך קיינער נישט איבערגעבן צו זיי.
12 איך אַפּעליר צום קיסר. דעמלט האָט פעסטוס זיך
באַראָטן מיט זיינע יועצים, און האָט געענטפערט:
צום קיסר האָסטו אַפּעלירט, צום קיסר וועסטו גיין!
13 און נאָכן אַפּלויף פון אייניקע טעג, איז דער
קעניג אַגריפּאַ מיט בערעניקאַ געקומען קיין קיסריה
14 און האָבן באַגריסט פעסטוסן. און היות זיי האָבן
דאָרט פאַרבראַכט אַ סך טעג, האָט פעסטוס געלייגט
פאַרן קעניג פּוילוסנס זאַך, זאָגנדיק: פעליקס האָט